# כ״ץ, חבל

[געב. 10 מיי 1902 — געשט. 8 מערץ 1940]



געבוירן 10 מיי 1902 אין ווילנע, פויליש־ליטע, ביי אָרעמע עלטערן. זייער יונג געמוזט אָנהייבן אַרבעטן. געוואָרן אַ מאַטריצירער אין דער דרוקעריי פון ראָם, און די ערשטע לידער, וואָס ער האָט פאַרפאַסט, האָט ער געזונגען אין ווילנער דרוקער־פאַריין. די לידער פלעגט ער באַגלייטן אויף אַ גיטאַרע.

אין מיי 1930 עמיגרירט קיין אַרגענטינע, ווו ער איז זייער שנעל געוואָרן פּאָפּולער דורך זיינע אויפטריטן מיט אייגענע קופּלעטן און פּאַראָדיעס. אַ געוויסע צייט האָט ער זיך אויך געפּרוּווט אַלס אַקטיאָר אויף דער יידישער בינע, אָבער דאָרט האָט ער דוקא ניט מצליח געווען. שטאַרק פּאָפּולער איז ער געוואָרן אַ דאַנק זיינע ראַדיאָ־אַרויסטריטן, און הגם ער האָט געזונגען אויף יידיש, האָט ער אויך זייער אויסגענומען ביי נישט־יידישע צוהערער, וועלכע זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון קלאַנג פון די ווערטער און פון די מעלאָדיעס.

אין 1933 איז אין בוענאָס איירעס דערשינען אַ העפט מיט זיינע קיפּלעטן א׳נ „אַרגענטינער גליקן״.

כ. האָט געליטן פון בלוט־קראַנקייט און נאָך אַן אָפּעראַציע אויף די מאַנדלען, איז ער דעם 8 מערץ 1940 געשטאָרבן אין בוענאָס איירעס. זיין לויה איז געווען די גרעסטע יידישע לויה אין דער געשיכטע פון בוענאָס איירעס. פון זיין היים האָבן אים אַרויסבאַגלייט איבער 24 טויזנט מענטשן און אַרום 10 טויזנט מענטשן זיינען געווען אויפן בית עולם ביי דער קבורה.

פון 14 יולי 1939 האָט „די אידישע צייטונג״ אין ב׳א אָנגעהויבן אָפּדרוקן כ.׳ס לידלעך.

שמואל ראָזשאַנסקי כאַראַקטעריזירט אים אַזוי:

„אַזעלכע שטורמישע געלעכטערס און אַזעלכע שטורמישע אָפּלויזן ווי אויף חבל כצס קאָנצערטן, האָט מען ביי קיין אַנדערע שוישפּילער און ספּעקטאַקלען נישט געהערט. נאָרד־אַמעריקאַנער סטאַרן האָבן אים מקנא געווען. אַרגענטינער שוישפּילער האָבן אויף אים געקוקט ווי אויף אַ וווּנדער. די, וועלכע קענען די שוואַכקייטן פון עולם, צו ווערן שנעל „מיד״ פון היימישע אַקטיאָרן און אויך פון היימיש־ווערנדיקע סטאַרן, האָבן געזעען אין חבל כצן אַ פענאָמענאַלע דערשיינונג, ווייל צו חבל כצן האָט דער עולם געקראָגן פונקט אַ פאַרקערטע באַציונג ווי צו אַנדערע קינסטלער. וואָס לענגער חבל כץ האָט זיך געפונען אין אַרגענטינע, אַלץ שטאַרקער האָט אים דער עולם ליב געקראָגן.

נישט געווען קיין איין יידישע געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונג אויף וועלכער מ׳זאָל ניט האָבן געהאַלטן פאַר וויכטיק, אַז חבל כץ זאָל אַרויסטרעטן. די מערסטע יידישע שולן, וואָס מיר פאַרמאָגן אין אַרגענטינע, שולן מכל המינים, פון אַלע ריכטונגען און טענדענצן, האָבן געהאַט אויף זייערע ימים טובים אַלס די גרעסטע אַטראַקציע חבל כצן. געווען אַ יום טוב אויף וועלכן עס זיינען צונויפגעבראַכט געוואָרן עטלעכע טויזנט יידישע קינדער. אויף יענעם יום טוב האָט מען ניט געקענט הערן קיין וואָרט, נישט פון די רעדנער, ניט פון די באַטייליקטע זינגער, אָבער אַז חבל כץ איז אויפגעטראָטן, זיינען אַלע טויזנטער קינדער אין איין סעקונדע געשפּאַנט געוואָרן אין אַ וווּנדערלעכער שטילקייט און באַלד נאָכדעם איז געקומען באַגייסטערונג און שטורמישע אָוואַציעס.

דער חבל כץ, וועלכער איז געקומען מיט צען יאָר צוריק פון ווילנע קיין בוענאָס איירעס מיט קינסטלערישע שטימונגען פון אַ ווערטינסקי־סטראַדע־אַרטיסט און מוזיקאַלישן טאַלענט פון אַ וווּנדער־קינד, האָט זיך אַרגענטינעזירט גיכער ווי אַ וועלכער ס׳איז אַנדערער אינטעליגענטער און ניט־אינטעליגענטער אימיגראַנט. ער האָט אין בוענאָס איירעס אויף קיין א־ין מאָמענט ניט פאַרגעסן אין ווילנע פון וואַנען ער האָט געשעפּט דעם כוח פון קולטור־באַציונג צו דער בינע און צו דער בינע־קונסט. וואָס ווייטער ער איז געווען פון ווילנע, האָט ער אַלץ מיט מער פּיעטעט געזונגען זיין הימן „ווילנע, אוי, ווילנע, ווילנע, מיין היימעלע״. ער האָט אָבער ביי זיין גאַנצער בענקשאַפט צו דער אַלטער היים זיך פאַרבונדן מיט אַן אומבאַשרייבלעכער ליבשאַפט מיט זיין נייער היים אַרגענטינע. ער האָט ליב געהאַט דעם אַרגענטינער יידישן ישוב ווי אַ מאַמע, מיט אַלע זיינע חסרונות און שוואַכקייטן, און האָט דעם ישוב באַזונגען „פון קאָפּ ביז די פיס״.

נישטא דער ייד אין אַרגענטינע, וועלכער זאָל נישט האָבן געפּרוּוט אין חבל כצס פּאַראָדיעס, קופּלעטן און הומאָריסטישע מעשיות אַזוינס, וואָס זאָל אויך אים טרעפן און אויסלאַכן. נישטא אָבער דער ייד אין אַרגענטינע, וועלכער זאָל זיך האָבן געפילט פון חבל כצן באַליידיקט, ווייל אין חבל כצס סאַטירעס אויפן יידישן לעבן אין אַרגענטינע איז געווען אַזאַ שמייכל, וואָס האָט געגלעט ... מען האָט חבל כצן גערופן „חבלע״, מען האָט חבל כצן גערופן „קעצעלע״. ... חבל איז פאַר די ווייטסטע מענטשן געווען אַ נאָנטער. אַז איינער האָט אים געהערט איין מאָל זינגען אָדער כאַראַקטעריזירן זיינע הומאָריסטישע אויפזאַצן, איז ער שוין געוואָרן מיט אים אַ היימישער. נישטא נאָך איין אַרטיסט אין אַרגענטינע, וועלכער האָט זיך דא דערוואָרבן אַזויפיל פערזענלעכע פריינט.

הונדערטער יידן האָבן גערעדט מיט חבל כצן אויף „דו״ און צווישן די דאָזיקע יידן זיינען דא אַ סך, וועלכע האַלטן זיך געוויינלעך פון אַנדערע שוישפּילער דערווייטערט, אויב ניט פון אַ ספּעציעלער אויסגערעכנטער דיסטאַנץ.

הבל כצס צוציונגס־קראַפט איז אין די לעצטע פאָר יאָר אַזוי גוואַלדיק געשטיגן, אַז מען האָט געזוכט, אַז ער זאָל זיך באַטייליקן צומאָל אויף וואַל־אַקטן, ווייל דורך חבל כצס אַרויסטריט האָט מען געקאָנט צוציען אויך אַזעלכע, וועלכע וואָלטן אָן דעם בשום אופן נישט געקומען.

פרעמד לויט זיין נאַטור דעם אָנגענומענעם סטאַריזם, וועלכן ער האָט אין זיינע קופּלעטן אויסגעלאַכט מיט זיין ווייכן געלעכטער, איז ער געוואָרן דער סטאַר פון סטאַרן, דער סטאַר פון יעדער יידישער פרייד אין אַרגענטינע. די יידישע ישובים אויף דער אַרגענטינער פּראָווינץ האָבן זיך שטענדיק יום טובדיק דערפרייט ווען חבל כץ איז צו זיי אַראָפּגעקומען.

מען איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן פון הערן חבל כצן, מען איז קיינמאָל ניט מיד געוואָרן פון חבל כצס הומאָר. ... און חבל כץ האָט זיך נישט פאַרלאָזט אויף די דערפאָלגן און נישט איינגעשלאָפן אויף די לאָרבער־קרענץ. ... ער האָט אומאויפהערלעך אויף זיך געאָרבעט. ער האָט זיך כסדר באַנייט. פונקט ווי ער האָט אין זיין קליידן זיך געקאָנט קאָנקורירן מיט עלעגאַנטע שוישפּילער פון דער רייכער ניט־יידישער בינע — טיילמאָל זיך פאַרזעצט, אָפּגעריסן

דעם ביסן פון מויל, אבי אַרויסצוגיין אויף דער בינע מיט אַ שענערן פראַק, מיט אַ גוט־געמאַכטן כאַראַקטעריזאַציע־קאָסטיום, און נאָך און וואָך און נאָך, אַזוי האָט ער געהאַלטן אין איין באַנייען זיך מיט מוזיק־אינסטרומענטן אויף אַריינצוברענגען פרישן טאָן, עפּעס אַנדערשטיקעס. ער האָט פאַרמאָגט אין זיין רעפּערטואַר — אַליין אַנגעשריבן, אַליין צו דעם טראַנספּערירט מעלאָדיעס, אַליין זיי שוישפּילעריש באַאַרבעט — נישט ווייניקער ווי אַ פינף־הונדערט לידער, קופּלעטן, סאַטירעס און הומאָריסטישע מעשהלעך, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער זיך קיינמאָל נישט דערלויבט „צו לעבן פון פּראָצענט", פון שוין אָפּגעשפּאָרטן, נאָר האָט געהאַלטן אין איין שפּאָרן און שפּאָרן — רעפּערטואַר. דעם לעצטן סענט יעדעס מאָל אַוועקגעגעבן אויף צו באַרייכערן זיין רעפּערטואַר. און יעדעס מאָל אַלעמאָל נייעס.

חבל כץ האָט קיינמאָל נישט געזונגען פרעמדע לידער. חבל כץ האָט שטענדיק געזונגען נאָר זיינס, נאָר זיינס. ער איז אַזוי פערזענלעך אין זיין שאַפן, אַז קיינער קאָן אים ניט נאָכזינגען, נאָכשפּילן, נאָכדערציילן. ער אַלעמען — יאָ, קיינער אים — ניט."

**ביי אַן אַנדערע געלעגנהייט שרייבט ראַזשאַנסקי וועגן כּצן:**

„אין אים איז געווען אַן אַקטיאָר, אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין אַמביציע צו שפּילן טעאַטער. אין אים איז געווען אַ לץ, אָבער ער האָט קיינמאָל זיך ניט אַראָפּגעלאָזט צו פּאַיאַצעריי. אין אים איז געווען אַ זעלטענער מנגן, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געזוכט צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז ער איז אַ זינגער, אַ קאָנצערטיסט פון געזאַנג... צו הונדערטער (פון זיינע לידער און פּאַראָדיעס) האָט ער אַליין אַדאַפּטירט מוזיק פון רוסישן רעפּערטואַר, פון זמירות. די מוזיק האָט ער אין זייער אַ סך פאַלן ספּעציעל איבערגעאַנדערשט כדי זי צוצופּאַסן צו דער שטימונג און טעמע פון זיין טעקסט, באַגלייטנדיק זיך אַליין אויף אַ גיטאַרע, האַרמאָניע, מאַנדאָלינע, האַרמאָשקע, פלעגט ער טיילמאָל אויך בייטן דעם זעלביקן מין אינסטרומענט אויף אַ צווייטן פון אַן אַנדערן גרויס, פון אַן אַנדערן אויסזען. אויך די דאָזיקע וואַראַציע האָט צעטריבן יעדע מאָנאָטאָניקייט. באַנוצנדיק צו טייל נומערן אַ פּאַרוק, אַ לייכטן גריס, אַ ספּעציעלן בגד, היטל, קאָסטיום, האָט ער אַזוי מיפּול אָפּגעהיט יעדן דעטאַל, אַז ער פלעגט זיך אָנהאָרעווען אויף זיינעם אַן אָוונט פאַר אַ גאַנצער טרופּע".

**צו זיין 25טן יאָרצייט שרייבט ש. ראַזשאַנסקי:**

„שוין 25 יאָר — איז איצט, אַז עס איז צו די 36 יאָר אַרויסגעריסן געוואָרן פון שפּרודלדיקן לעבן אונדזער איינציק־אַרטיקער קופּלעטיסט און קליינקונסט־אַרטיסט חבל כ"ץ, איז ער נאָך אַלץ, ביזן היינטיקן טאָג, פאַרבליבן ביי אונדז, און נישט בלויז פאַר אונדזער ישוב, אַ יחיד במינו. די איבערגעבראָכענע גיטאַרע מיט די צעריסענע סטרונעס אויפן פּולפּיטער, וואָס ווערט פאַרגעשטעלט אויף זיין קבר אין ליניערס, איז אַ שטענדיקע פיינלעכע דערמאָנונג פאַר אַ דור. דער יינגסטער דור אין אַרגענטינע קען קוים דעם נאָמען חבל כ"ץ. ווען ניט־ווען שפּילט מען אויף דער יידישער ראַדיאָ־שעה זיינעם אַ פּלאַט אָדער אַריינגעזונגענע נומערן זיינע אין דער אינטערפּרעטאַציע פון אַנדערע אַקטיאָרן, ווי מאַקס פּערלמאַן. דאָס איז אַ בלייכע אָנטייטונג אויף דעם ווירקלעכן חבל כץ, ווי דער עלטערער דור האָט אים געקענט. דער עלטערער דור, וועלכער איז מיטגעגאַנגען מיט חבל כצס וועג אויף בינע און עסטראַדעס, קאָן אים בשום אופן ניט פאַרגעסן. מיט ווייטיק דערמאָנט מען נישט בלויז דעם פּאַרלוסט, וואָס ער, חבל כץ, איז מער נישטאָ, און וואָס ער איז אַוועק אַזוי פריצייטיק. דער פאַרלוסט איז גאַנץ באַזונדערס גרויס דערפאַר, ווייל ער היום האָט קיינער זיין פּלאַץ ניט פאַרנומען. געפּרוווט האָבן ניט ווייניק. זינגערס און אַקטיאָרן האָבן פאַרזוכט פון כצס איבערגעבליבענעם רעפּערטואַר צו מאַכן פאַר זיך — שלאַגערס... מ'האָט זיינע קופּלעטן און לידער אַריינגענומען אַפילו אין טעאַטער־פאָרשטעלונגען און מער נאָך אין קאָנצערט־פּראָגראַמען, אָבער אָן פּוראָר... מ'האָט צומאָל געפּרוווט נאָכצומאַכן אין חבל כצס סטיל קופּלעטן און פּאַראָדיעס — אָבער אָן פּוראָר.

חבל כץ איז טאַקע ניט געווען קיין גרויסער שרייבער. ער איז אויך ניט געווען קיין זינגער מיט קיין וואַזשנער שטימע. און מיט זיינע אַקטיאָרישע פאַרוואַנדלונגען, מאַסקעס, אימיטאַציעס און סטיליזאַציעס, יעדע איינציקע פון די דאָזיקע טוונגען, באַזונדער גענומען, האָט ער נישט געקאָנט זיך באַרימען און אַרויסשטעלן אַנטקעגן אַנדערע גרויסע קינסטלערס אין יעדן איינעם פון די באַזונדערע זשאַנערס. חבל כץ האָט אָבער פאַרמאָגט פון אַלץ צו ביסלעך און פון דעם אַלעס צו ביסלעך, האָט חבל כץ געשאַפן אויף אַ האַרמאָנישן אופן אַזאַ אייגנאַרטיקן רעפּערטואַר, אַזאַ אייגנאַרטיקע טעמאַטיק פון אַזעלכע אייגנאַרטיקע טיפּן, וואָס זיינען פאַרבליבן איינגעבאַקן אין הארצן פון זיינע טויזנטער פאַרערערס איבערן גאַנצן לאַנד און אין די שכנותדיקע רעפּובליקן. ביי יידן ווי ביי ניט־יידן איז ער פאַרבליבן -- אַן אוניקום.

חבל כץ פון דער פּריסטער יוגנט אַ יתום, אין אַן אָרעמער היים, האָט ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו לערנען, אָבער דערפאַר איז ער געווען באַשאָנקען מיט אַ רייכער אינטויציע, וואָס האָט אים אַרויסגעהאָלפן אין אַלע סיטואַציעס און אים אָריענטירט און געהאָלפן זיך אַנטוויקלען מיט אַ פיינקייט און איידלקייט, וואָס אַ סך געבילדעטע האָבן אים געמעגט מקנא זיין. און אַזוי ווי ער האָט אַ סך יאָרן געאַרבעט אין דער באַרימטער ווילנער דרוקעריי פון האלמנה והאחים ראָם, האָט ער, אין דער לויפט פון די תלמוד, מדרש און אַנדערע ספרים, וואָס ער האָט געהאָלפן שליסן, איינגעזאַפּט אין זיך אַ הייליקן דרך־ארץ צום וואָרט, צום מענטש... און דווקא אין זיינע עקסקורסיעס פון שפּאַס, דורך פּאַראָדיעס, הומאָרפולע בילדלעך און קופּלעטן, האָט ער אַרויסגעוויזן אָט אַ דעם דרך־ארץ צום וואָרט, צום געדאַנק, צום מענטש, און פּונקט ווי ער איז נישט געווען קיין למדן, אַזוי איז ער נישט געווען קיין געשולטער מוזיקער, דאָך זיינען אים אומצייליקע מוזיקערס און קאָמפּאָזיטאָרן מקנא געווען, ווייל ניט לערנדיק זיך שפּילן אויף קיין שום אינסטרומענט, האָט חבל כץ אויסגענומען מיט זיינע קונציקע המצאות אויף אַ סך אינסטרומענטן, אָנהייבנדיק פון אַ פּיטשעמאַנטשיקל האַרמאָשקע, וואָס ער האָט אַזוי געהאַלטן ביי די ליפּן, אַז ס'איז שווער געווען זי אָנצוקוקן, ביז דער גרעסטער האַרמאָניע, און אַן איינסטרוניקע גיטאַרע, מיט וועלכער ער האָט געמאַכט אומצייליקע לירישע קונצשטיק. דער שליסל פון אַלע זיינע דערפאָלגן איז געווען זיין אוצר מיט חן. וואָס ער האָט געטאָן, האָט אויף זיך געהאַט דעם צויבער פון זיין חן, פון זיין יוגנטלעכקייט, פון זיין פרייד. ער האָט געהאַט די גראַציע פון שאַנסאָניעט און די צוגעלאָזטקייט פון יידישן פאָלקסזינגער. האָבן זיך געפונען יודעי־חן, וועלכע האָבן אים גיך פאַרעכנט ביי דער ראָמאַנטישער רוסישער יוגנט מיט זיינע געזאַנגען פון בענקשאַפט, ליבע און אַנטוישונג. ווערטינסקי האָט גע־

הייסן אָט דער רוסישער מייסטער. חבל כץ. כאָטש ער איז געגאַנגען אין די פוס־טריט פון די ווערטינסקי־שול, און האָט מיט אַ פּראַק געקאָנט אַ גלאַנץ טאָן פּונקט ווי מיט אַ צעריסענער קאַפּאָטע פון אַ מגיד, בעת ער פאַרפלאָנטערט זיך מיט זיין דרשה און קאָן נישט אַרויסקריכן פון זיין „קליאַטקעלע״. האָט אָבער געהאַט אַן עשירות פון אַרגענטינישקייט און יידישער אַרגענטינישקייט, מיט וואָס ער האָט געהאָלפן פאַראייביקן אַ דור און סביבה פון אַן עפּאָכע. דאָס איז געווען דער דור פון „קלאַפּערס״ (הויזירער) און די צייט פון „פּיקניק און וויסענטע לאָפּעז״, אַ צייט ווען אַ בחור האָט זיך גע־דאַרפט היטן פון „אויפגיין״ מיט אַ מיידל, ווייל יידן האָבן זיך גע־האַלטן אין אַ גרויסער מאָס ביי די קאָלאָניאַלע טראַדיציעס (מ׳טאָר ניט לאָזן די טאָכטער אַליין גיין מיט אַ בחור!), אַ צייט פון גרוי־סער אָרעמקייט און נאָך גרעסערער בענקשאַפט נאָך די איבערגע־לאָזטע טאַטע־מאַמע, ווייב אָדער כלה אין דער אַלטער היים...

חבל כץ האָט אין זיינע בערך 650 קופּלעטן, פּאַראָדיעס און לירישע פּעזן פאַרפיקסירט דעם גאַנג פון אונדזער אימיגראַנטי־שער תקופה, און ער האָט עס געטאָן ווי אַ זינגער און אימיטאַטאָר מיט אומפאַרגלייכלעכער אָריגינעלקייט און האַרציקייט...״

**דער אַקטיאָר בן־ציון פּאַלעפּאַדע שרייבט:**

„...חבל כץ, דער נאַטור־קינסטלער, וועלכער איז אין אַר־גענטינע פאַר אונדזערע אויגן אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ וויר־דיקער קולטור־צווייג, אַליין מיט אייגענע כוחות דורכגעבראָכן אַ וועג, זיך דערוואָרבן אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט און געוואָרן אַ ליבלינג און אַזוי אַרום זיך געשאַפן אַ באַשייזענע עקזיסטענץ פאַר זיין פאַמי־ליע... אַלס מענטש איז חבל כץ געווען אַ מוסטער פון געמיטלעכ־קייט. איך האָב אים נאָך ניט געזען אויפגערעגט, ניט געהערט אַמאָל הויך ריידן, אַ חוץ ביים דערציילן פּריוואַט אַ וויץ מיט זיין ליט־ווישער שפּראַך און זיך פאַרגיין אין אַ געלעכטער. ער האָט קיינעם ניט ווי געטאָן, אַ צאַרטער פאַמיליען־מאַן, אַ פיינער חבר צו חברים״.

[—] — „אַזוי זינגט חבל כץ״, „די אידישע צייטונג״, ב״א, 9 יולי 1939

שמואל ראָזשאַנסקי — געשטאָרבן דער פרעהליכסטער איד אין אַרגענטינע, פּאָפּולערסטער און באַליבטסטער אַרטיסט אין ב. איירעס חבל כץ, „די אידישע צייטונג״, ב״א, 10 מערץ 1940

בנציון פּאַלעפּאַדע — געשטאָרבן אַ אינסטיטוציע, „די פּרעסע״, ב״א, 11 מערץ 1940.

גאד זשעליאזא — כעוול קאַצס גייסט שוועבט איבער טשאַקאָ, דאָרט, 22 מערץ 1940.

שמואל ראָזשאַנסקי — שטריכן, „ד״א״צ״, ב״א, 30 מערץ 1940.

שמואל ראָזשאַנסקי — שטריכן, „ד״א״צ״, ב״א, 13 מערץ 1953.

שמואל ראָזשאַנסקי — שטריכן, „ד״א״צ״, ב״א, 10 מערץ 1965.

## בּ״ץ, איזאַק

**דעם 14 יאַנואַר 1895 האָט די טרופּע פון קלמן יוווילער אויפ־געפירט אין בוקאַרעסט „אליהו הנביא, אָדער אַריסטבלוס מלך יהודה, היסטאָרישע אָפּערעטע אין 5 אַקטען אונד 1 פּראָלאָג אין ריימען געשריעבען״.**

**מיר ברענגען דאָ [איבערגעשריבן פון י. קארא] די פולשטענ־דיקע, אַנאָנימע רעצענזיע אין בוקאַרעשטער „פאָלקסבלאַט״, ענ־דערנדיק די אָרטאָגראַפיע און מיט קורצע באַמערקונגען וועגן גע־וויסע פאַרדייטשטע אויסדרוקן:**

„אַם 14 און 15 יענער [יאַנואַר] איז דיזעס שטיק צום ערשטן מאָל אויף דער יידישער בינע פון דער טרופּע יוווילער אויפגעפירט וואָרדן (געוואָרן). און טראָץ דעם וויר (מיר) אים פּרינציפּ קיינע גרויסע אַנהענגער דעס יידישן טעאַטערס זינד (דען (דעם) גרונט האָבן וויר עפּטערס ווידערהאָלט) מוזן וויר דאָך זאָגן, אַז דאָס שטיק איז גענוג אינטערעסאַנט. עס קאָן יעדנפאַלס צו די בעסטע גערעכנט ווערדן וואָס די יידישע טעאַטער־ליטעראַטור האָט ביז יעצט אַרויס־געגעבן.

צוואַר (הגם) נאָך דעם טיטל צו אורטיילן, גלייבט מען אין ערשטן מאָמענט מיט איינעם אַנאַקראָניזמוס (אַנאַכראָניזם) צו טאָן צו האָבן. „אליהו הנביא אָדער אַריסטבלוס״ פאַלט זאָפאָרט אַלס איינע אומ־מעגלעכקייט, ווייל פון דעם ערשטן ביז צו דעם צווייטן איז אַ דיפער־רענץ פון אַ 4 הונדערט יאָר. ערשט אים שטיק זעלבסט קלערט זיך די זאַך אויף אַז אליהו איז איינע ערשיינונג פון דעם הימל, וועלכע האָט די מיסיאָן (אויפגאַב) דעם קעניג אַריסטובלוס פון זיינע שלעכ־טע וועגן אָפּצובערענגען, און דאָס יידישע פאָלק פון פערדאַרבונג צו בעוואָרן (פאַרהיטן). נאָך דעם גאַנג פון דער (דעם) שטיק ווירד דיזע מיסיאָן ניט גאַנץ ערפילט.

וויר מוזן אָבער דעם יונגן אויטאָר, וועלכער האָט נאָך קיינע גרינדלעכע ערפאַרונג און רייפע בינע־קענטעניש, מאַנכע פעלער פאַרצייען (פאַרגעבן). זאָנסט ווירד זיך אונדזערע קריטיק אין דער לענגע ציען און דאַפיר האָבן וויר היר (דאָ) קיין פּלאַץ. פיליכט ווערדן וויר דאַריבער אין איינער אַנדערן נומער צוריקומען. זאָפיל (ל׳עת עתה) אָבער מוזן וויר צוגעבן דאָס דער יונגער פאַרפאַסער האָט טאַלענט און האָט אונדז צום ערשטן מאָל געצייגט דאָס מען קאָן שטיקע אויס אונדזערער אייגענען געשיכטע אין איינער בעסער אויפ־פאַסונג און איינער ריינערער שפּראַכע שרייבן, און ווען די האַנדלונג פון דיזן שטיק נאָך מאַנכעס צו וווינטשן איבריק לעסט (וואָס ס׳איז נאָך נייטיק), זאָ באַרעכטיקט ער אונדז וויניקסטנס דער האָפענונג שפּעטער בעסערע זאַכן פון אים צו ערוואַרטן.

איבער דער אויפפירונג פון דעם שטיק אויספירלעך צו ריידן ערלויבט אונדז ווידער ניט דער רוים (פּלאַץ). די שוישפּילער האָבן זיך אַלע מי געגעבן זייער פליכט טריי צו ערפילן. ה׳ יוווילער אין זיינער שווערן ראָלע דעם אריסטובלוס וואַר זייער גוט. פרוי קאַליך (בערטאַ קאַליש) אַלס קעניגין אונאיבערטראָפן. איר פאָרטרעפלע־כער פיגור האָט איר צו דיזער ראָלע זייער פיל געהאָלפן. פרוי (הער) ראַפּאַלאָוויטש און פרוי יוווילער, ערשטער אַלס ינאי, צווייטע אַלס קעניגין שולמית, האָבן זייערע ראָלן גוט דורכגעפירט. ה׳ אָדלער אַלס אליהו ווי אויך די ה״ה גילטמאַן, ראָזענבערג און שילינג וואָרן יעדער אין זיינער ראָלע זייער גוט. ה׳ ראָזענבערג האָט אונדז זאָגאַר מיט זיינעם געזאַנג זייער געפעלן. ה׳ מרגליות וואַר איין גוטער אינ־טריגאַנט. די לוסטיקע קופּלעטע אָבער האָבן צו זיינער ערנסטער ראָלע ניט געפּאַסט. די מוזיק צו דיזעם שטיק איז צוזאַמענגע־שטעלט פון ה׳ פערלמוטער און איז זייער געלונגען. די אָריענטאַ־לישע געזענגע וועלכע זיינען אַנגעלענט אָן מאַנכע מאָטיוון פון דער אָפּערע „אַאידאַ״, זיינען שיין צוגעפּאַסט; דאָס טעמפּל־כאָר איז זאָגאַר זייער מייסטערהאַפט. דער קאָמפּאָניסט פאַרדינט יעדן לויב.

וואָס אָבער אונדז נאָך ניט גאַנץ געפעלט זיינען די 2 קאָמישע שיכורים. איינער איז דען ניט גענוג געוועזן? ווען וועט שוין קומען די צייט, אַז מע זאָל שוין גאָרניט מער זען קיין פאַיאַצן אין זאָלכע ערנסטע שטיקע? דאַראַן (אין דעם) איז נאָך אונדזער פּובליקום שול־דיק, וואָס האָט ליב צירקוס שטיקלעך. האָפן וויר אָבער, אַז עס וועט